**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט א באריכט פאר מערב און צענטראל ניו יארקער איבער לופט קוואליטעט פאר מאנטאג, יוני 19**

גאווערנער האקול און די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און די העלט דעפארטמענט זעצן פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט פון די נאענט צו אויפפאסן פאר שעדליכע לופט פון די קאנאדישע וואלד פייערן און אזוי אויך פון אָוזאן און אנדערע פארפעסטיגנדע מאטעריאלן וועלכע באטרעפן מילדערהייט מערב און צענטראל ניו יארק אויף דעם היינטיגן טאג. לופט קוואליטעט אין די רעשט פון ניו יארק סטעיט איז פאראויסגעזאגט צו זיין צווישן 'גוט' ביז 'מיטלמעסיג'.

"אין די צייט וואס מיר זעצן פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט און אין די צייט וואס אונזערע קוראזשפולע וואלד רעינדזשערס העלפן ארויס מיטן דערשטיקן די וואלד פייער אין קוויבעק, איז רויעך פון די קאנאדישע וואלד פייערן ערווארטעט צו בלייבן זעהבאר, טראצדעם וואס עס וועט זיך נישט פילן צו שטארק אויף די ערד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי רויעך רוקט זיך אריבער מערב און צענטראל ניו יארק היינט, מוטיג איך ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם. אויב איר זענט אין א שוואכערע גרופע, פאלגט ביטע נאך די לעצטע אינפארמאציע, און אויב א לופט קוואליטעט אדווייזארי ווערט ארויסגעגעבן דעם זומער, דאן נעמט אונטער שריט זיך צו באשיצן."

רויעך פון די וואלד פייערן וועלן זיין זעהבאר אין די לופט אין מערב און צענטראל ניו יארק היינט, מאנטאג יוני 19, מיט 'הויך' ביז 'מיטלמעסיג' שטאפלען אויף די לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) צוליב פארפעסטיגונג פון דינע שטויב (PM2.5) פאראויס געזאגט פאר די ראיאנען. שאצונגען ווייזן יעצט אז עס קענען זיין קורצע צייטן ווען די AQI שטאפלען וועלן איבעשטייגן 'מיטלמעסיג' שטאפלען, אבער די אלגעמיינע AQI פאר די 24 שעה איז ערווארטעט צו זיין אין די 'מיטלמעסיג' AQI שטאפל. כאטש רויעך קען זיין זעהבאר אויף הויכע פלעצער, פארבלייבן די שטאפלען פיל וויניגער פון די שטאפלען וואס ניו יארקער האבן געזעהן פריער דעם חודש, און עס איז אונטער די נומער וואס פארלאנגט א לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי צו ארויסגעגעבן ווערן.

מיטלמעסיגע שטאפלען הייסן ווען די לופט קוואליטעט אינדעקס איז צווישן 51-100, און דאס מיינט אז די לופט קוואליטעט איז אקצעפטירבאר מיט מעגליכע מעסיגע געזונטהייט זארגן פאר א גאר קליינע צאל מענטשן וועלכע זענען אויסערגעווענטליך עמפפינדליך צו לופט פארפעסטיגונג. לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווערן ארויסגעגעבן ווען וועטער עקספערטן זאגן פאר אז שטאפלען פון פארפעסטיגונג, אפטערהייט פון אָוזאן און דינע שטויב, וועלן איבערשטייגן אן AQI פון 100.

אויב די AQI שטייגט איבער 100, רעקאמענדירן מיר צו איבערקוקן די באווארענונג מאסנאמען [דא](#) ווי נויטיג. ניו יארקער ווערן ערמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען די סטעיט'ס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס [דא](#).

מער אינפארמאציע איבער די פאראויסגעזאגטע לופט קוואליטעט אין ניו יארק סטעיט ווערט פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן